# אברהם רייזען

## שׂכר לימוד

– דער רבי האָט געבעטן געלט! – האָט שלומקע אויסגעשעאָסן, אַרייַנקומענדיק פֿאַר נאַכט אַהיים פֿון חדר.

– ווייַטער געלט! – האָט חנן זיך שמערצלעך פֿאַרקרימט – ווי לאַנג האָב איך מיט דיר געשיקט דרייַ רובל!

– ער האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין באַלד סוף הזמן און דו האָסט ערשט אָנגעגעבן זיבן רובל, נאָך אַכט רובל קומען. ער דאַרף האָבן! – האָט שלומקע שוין בייזלעך געענדיקט, קראַצנדיק די קעפּל.

– שאַ, נאָר בייזער זיך ניט, מייַן תּכשיט! – האָט חנן נערוועז געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך, אַז עס איז שוין טאַקע לאַנג צייַט צו שיקן געלט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט מיט יאוש געצופּט דאָס בערדל, ווי ער וואָלט פֿרעגן בייַ אים: „וואָס זאָגסטו, מייַן בערדל, צו אַזאַ אומגליק“...

ניט דערוואַרטנדיק פֿון בערדל קיין שום עצה, האָט ער גענומען פֿירן מיטן האַנט איבערן גאַנצן פּנים, און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפֿן, האָט ער געהויבן פֿון קאָפּ די היטל, אַרויף און אַראָפּ, דאָ אין גאַנצן עס אַראָפּגענומען און אין האַנט צוגעהאַלטן, דאָ ווידער עס אָנגעטאָן, און איבערחזרנדיק דאָס עטלעכע מאָל, איז דער וואָלקן פֿון זייַן צעקנייטשט פּנים, ווי העלער געוואָרן, אין די אויגן האָט עפּעס זיך אַ

2

פֿייַערל באַוויזן און ער האָט שוין גוטמוטיקער אַרויסגעזאָגט, ניט קוקנדיק קיינעם אין די אויגן:

– מען דאַרף מאָרגן פֿאַרקויפֿן דעם פעקל זוימען!...

– וועסטו מאָרגן געבן געלט? האָט שלומקע געפֿרעגט, דערהערנדיק, אַז דער טאַטע וועט מאָרגן פֿאַרקויפֿן דעם פעקל זוימען.

– איבערמאָרגן, מײַן זון!

– איבערמאָרגן! איבערמאָרגן! – האָט זיך שלומקע געוואָרפֿן, פֿאָרשטעלנדיק זיך אין זײַן דמיון, ווי אַזוי ער וועט מאָרגן דאַרפֿן אַרײַן אין חדר און קוקן דעם רבין גלײַך אין פּנים אַרײַן און זאָגן אים: „ניטאָ“...

– שטיל! – האָט חנן ווייך זיך געבייזערט – איך זאָג דיר איבערמאָרגן, איז איבערמאָרגן – געזאָגט איז געזאָגט!...

– אין דער אמתן וואָס מאַכסטו אַזוינע העוויות! – האָט זיך שוין די מאַמע אַרײַנגעמישט – עס ברענט דאָך ניט! דער טאַטע זאָגט איבערמאָרגן איז איבערמאָרגן.

שלומקע האָט זיך מישבֿ געווען, אַז עס איז טאַקע ניט קיין אומגליק, האָט זיך גלײַך פֿאַרגעסן אָן דעם, און געבעטן וועטשערע.

– אַלץ ווילסטו! – האָט די מאַמע האַלב ערנסט און האַלב שמייכלענדיק גערעדט, – אי געלט פֿאַרן רבין, אי וועטשערע, ניחא וואָלסטו פֿאַרדינען...

– איך בין דאָך אַ קליינער! – האָט שלומקע זיך פֿאַרענטפֿערט...

אַ שיינער קליינער – צוועלף יאָר אַ בחור! – האָט די מוטער געזיפֿצט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

---

אויף מאָרגן פֿרי נאָכן דאַוונען האָט חנן געעפֿנט דעם שפּײַכלער, וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן הויף, און האָט געטראַכט דעם פעקל זוימען, וואָס איז געלעגן רויִק אין אַ ווינקל

3

פֿון גרויסן זאַסיק. די איבעריקע צוויי זאַסיקעס זײַנען געווען ליידיק און האָבן מיט אומעט און מיט פֿאַרוואָרף געקוקט אויף חנן, וואָס ער האָט אין זיי שוין אַזוי לאַנג ניט אַרײַנגעשאָטן קיין תּבֿואה.

חנן האָט אַרײַנגערוקט אין זאַסיק די האַנט, אַרויסגענומען אַ הויפֿן זוימען און האָט געטראַכט אויפֿן קול:

– שיינער זוימען – ער וועט אַוודאי האָבן זיבן מאָס!

ער האָט געפֿירט מיט איין פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט אויפֿן ביסל זוימען, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער רעכטער האַנט – און האָט ווײַטער געטראַכט:

– ער קאָסט אָבער שיינע געלט!! טײַערע מקחים געצאָלט, פּרווו אָבער, ווײַז דאָס דעם סוחר לעווינען, וועט ער פֿאַרקרימען די נאָז און זאָגן: ס'איז שוואַכע סחורה, און ער וועט דיר אָפּשנײַדן נאָז און אויערן, אַ קלייניקייט – **איין** סוחר!... האָט ער זיך צוזיפֿצט.

און חנן מאַכט אַ חשבון, אַז דער פּעקל זוימען קאָסט אים דורכשניטלעך צו זיבן גילדן אַ פּוד; אַז דער סוחר זאָל אפֿילו געבן צו זיבן מיט צען, קען ער האָבן פֿון הונדערט פּוד הונדערט צענערלעך – פֿינף רובל, איז פּראָצענט פֿון געלט שוין אָנגעוואַקסן אַוודאי צוויי רובל, בלײַבט אים ריינער רווח דרײַ רובל.

חנן זיפֿצט און טראַכט עצות, ווי אַזוי פֿאַרדינט מען פֿון דעם פּעקל זוימען כאָטש צען רובל.

און ער צופּט דאָס בערדל, רײַבט דאָס פּנים, מישט דעם זוימען און הייבט די אויגן צום בוידעם פֿון שפּײַכלער...

אויפֿן בוידעם איז יאָ דאָ אַ מיטל, ווי צו פֿאַרדינען: דאָרטן ליגט דרײַ זעקלעך מיט „זעליא“, עס קאָסט סך הכּל צוויי גילדן אַ פּוד, דאָס זאָל מען אַרײַנשיטן, נאָך דעם, ווי דער סוחר וועט דעם פּעקל זוימען אָנקוקן, אַ דרײַ פֿיר פּוד, קען זײַן עטלעכע רובל רווח...

4

עס איז אָבער „אָבּמאַן“, גנבֿה, חנן וויל זײַן אַן ערלעכער סוחר, חנן האָט מורא פֿאַר גאָט און פֿאַר זיך אַליין...

פֿאַר זיך אַליין מער ווי פֿאַר גאָט... נאָך אַזאַ מעשׂה, וועט אים גאָט אפֿשר מוחל זײַן, גאָט ווייסט דאָך, אַז ער איז ניט שולדיק – די נויט, זי טוט עס. אָבער ער, חנן, איז אַ שלעכטער, ער וועט זיך אַזעלכע מעשׂיות קיין מאָל ניט מוחל זײַן און נאָך דעם עסט ער שטענדיק זיך אַליין:

– וואָס האָסטו דאָס געטאָן, חנן, האַ? שיין אַזוי, גוט אַזוי, ערלעך אַזוי?... באַרעכן זיך, חנן?...

און חנן הערט אויף צו קוקן אויפֿן בוידעם ווו די זעקלעך מיט די פּסולת ליגן און באַשליסט צו האַנדלען ערלעך...

– ערלעך, ערלעך, ערלעך! – שרײַט ער אויס און פֿאַרשליסט דעם שפּײַכלער און גייט רופֿן דעם סוחר...

---

דער סוחר לעווין, אַ הויכער ייִד, מיט אַ רויט פּנים, מיט קליינע שוואַרצע אייגעלעך, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און לאָזט זיך אַראָפּ גרונטעווען אין ווינקל פֿון זאַסיק.

– עס איז זיבן מאָסיקער! ניטאָ גאָר וואָס צו שמועסן! – קען זיך חנן ניט אײַנהאַלטן און לויבט זײַן סחורה, נאָך איידער דער סוחר באַטראַכט עס אַליין.

דעם סוחר פֿאַרדריסט, וואָס חנן, אַזאַ קליין ווערעמל, זאָגט אים פֿריִער, איידער ער אַליין האָט נאָך באַטראַכט, וויפֿל מאָס דער זוימען האָט, און ער זאָגט אַרויס קאַלט:

– באַלד וועלן מיר אַליין זען וויפֿל מאָס ער האָט!

חננן קלאַפּ דאָס האַרץ פֿאַר שרעק, טאָמער געפֿינט דער סוחר, אַז דער זוימען איז ניט זיבן מאָס, – עס איז דאָך אַ גזלן אַ ייִד – טראַכט ער, און ער פּרוּווט זיך ווירקן אויפֿן סוחרס מבֿינות מיט אַ גוט וואָרט:

– איַיך, פּאַני לעווין, דאַרף מען ניט זאָגן, איר ווייסט, פּאַני לעווין, אַליין – איך וואָלט עס פֿאַרמאָגט יעצט

5

אַ צענט-חלק, וואָס איר האָט שוין איבערגעשיקט זוימען קיין קעניגסבערג...

– יאָ, ברודער, מעגסט זיך עס ווינטשן! – זאָגט לעווין מיט גדלות, גרונטעוועדיק זיך אַלץ אין די זוימען – וואָס וואָלסטו אָבער געטאָן מיט אַזוי פֿיל געלט?

– הע... הע... הע... – לאַכט ביטערלעך חנן... – איך וואָלט שוין געוווּסט וואָס צו טאָן... איך וואָלט געהאַנדעלט ווי איר, „אויף קעניגסבערג“...

– דער זוימען מער ניט ווי פֿינף מיט אַ האַלב מאָס – העכסטנס זעקס! – האָט פּלוצלינג לעווין אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג.

חננס געמאַכטער שמייכל, וואָס איז געלעגן די גאַנצע צײַט אויף די ליפּן, איז פֿאַרשוווּנדן; קוים שטייענדיק אויף די פֿיס, האָט ער אַרויסגערעדט:

וואָס רעדט איר, פּאַני לעווין?

– אָט דאָס וואָס דו הערסט! – האָט דער סוחר קאַלט געענטפֿערט.

– איז וויפֿל, הייסט דאָס, גיט איר? – מיט אַ געקלעמטן קול געפֿרעגט.

– צו אַכט און נײַנציק קאָפּיקעס – דאָס איז הויך געצאָלט. זוימען איז יעצט געפֿאַלן, האָט לעווין רויִק אַרויסגעזאָגט.

– פּאַני לעווין, איר פֿאַרלאַנגט איך זאָל נאָך צולייגן?... האָט זיך חנן געבעטן און בשעת-מעשׂה האָט זיך אים געוואָלט אויסשרײַען: „אָ, דו גראָבער גזלן!“ און אַרײַנשטעכן אים אַ מעסער...

– איך קען אַוודאי ניט צולייגן! – האָט לעווין טרוקן געענטפֿערט און געוואָלט אַרויסגיין.

– זײַט עפּעס מוסיף! – האָט זיך חנן געבעטן און אין זײַן קול האָט זיך ווי טרערן געהערט.

לעווין איז צוגעגאַנגען נאָך אַ מאָל צום זאַסיק, פֿאַרקאַטשעט

6

נאָך אַ מאָל די אַרבל פֿון זײַן שוואַרצן ראָק, זיך געלאָזט גרונטעווען, און אַרויסגערעדט:

– מילא, דו האָסט נאָך צוויי קאָפּיקעס, גלײַך צו רובל, – דו טשעפּעסט זיך צו, ביזט ווי אַ פּעך...

– מער גיט איר טאַקע ניט?

לעווין האָט געמאַכט אַ מינע ווי ער איז אין כּעס און האָט ניט געענטפֿערט. חנן האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער מינע. וואָס וועט ער אים טאָן, אַז ער וועט דערפֿאַר גאָר ניט וועלן קויפֿן בײַ אים? און אַ קוק טוענדיק אויפֿן בוידעם, ווו די זעקלעך פּסולת זײַנען געלעגן, האָט חנן, ווי מיט אַ געמאַכטן כּח אַרויסגעריסן פֿון מויל:

– מילא, פֿאַר אײַך. ווען וועט איר עס צונעמען?

– פֿיר דעם זייגער שיק איך דעם „מענטשן“ מיט פֿאָרן.

– גוט! – האָט חנן מסכּים געווען און געקוקט מיט שרעק אויפֿן בוידעם. דער סוחר האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין און האָט געוואָרפֿן זײַנע שוואַרצע אייגעלעך איבערן שפּײַכלער.

– נאָר דו שיט מיר ניט אַרײַן קיין „פּסולת“, ווי איר חבֿרה האַנדלער האָט ליב... האָט ער געוואָרנט.

חנן איז בלייך געוואָרן, און כּדי דער סוחר זאָל עס ניט פֿאַרשטיין, האָט ער גענומען זיך שווערן:

– אַך, זאָל מיר גאָט אויסהיטן פֿון אַזעלכע זאַכן – וואָס רעדט איר? נאָר חנן האָט זיך געדאַכט, אַז דער סוחר פֿאַרשטייט זײַנע געדאַנקן, און כּדי דער סוחר זאָל אויף אים קיין חשד אפֿילו ניט האָבן, האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן פֿון מויל:

– איר קענט אײַך נעמען ביז פֿיר דעם זייגער דעם שליסל פֿון שפּײַכלער...

– יאָ, דאָס וואָלט טאַקע ניט געשאַדט, – איז לעווינען

7

געפֿעלן געוואָרן דער פּלאַן – אַן ערלעכער מאַן ביסטו יאָ, נאָר האַנדלשאַפֿט, ווייסט דאָך...

– מיטן גרעסטן כּבֿוד, מיטן גרעסטן כּבֿוד! – האָט חנן געשריגן, ווי פֿאַרצווייפֿלט פֿאַר חרטה, וואָס ער האָט אַזאַ זאַך פֿאָרגעלייגט, דאָס פּנים האָט אים געברענט, אין די שלייפֿן געקלאַפּט און מיט גרויס מאַטערניש איז אים געלונגען זיך אײַנצוהאַלטן, ניט אויסצושרײַען:

קוילע! קוילע! קוילע!...

מיט ציטערדיקע הענט האָט ער פֿאַרשלאָסן די טיר. אַרויסגענומען דעם שליסל און מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט געקענט שטעכן אין זיבעטן ריפּ האָט ער זיך געווענדט צו לעווין:

– אָט האָט איר אײַך דעם שליסל!...

– גוט, גוט! – האָט לעווין צופֿרידן אויסגערופֿן, באַהאַלטנדיק דעם שליסל טיף אין קעשענע.

– נאָר שפּעטיקט זיך ניט, פּאַני לעווין, – האָט חנן כּמעט ווי געוויינט – מען דאַרף אַ מאָל עפּעס האָבן אין שפּײַכלער. נאָר לעווין איז שוין ווײַט געווען און חנן האָט זיך אַליין געזידלט:

– אוי, דו תּרח, תּרח! וואָס האָסטו דאָ געטאָן, דו וועסט דאָך איצטער בדלות ווערן... ווו וועסטו נעמען שׂכר למוד?...

און חנן האָט פֿאַרבראָכן די הענט, די אויגן האָבן מיט פֿונקן געשאָטן, ער איז אַזוי געבליבן שטיין בײַם שפּײַכלער און אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט ווו אַרײַנצוגיין צוריק... נאָר דער שפּײַכלער איז געווען פֿאַרמאַכט פֿון אַלע זײַטן, אויסער אַ קליין לאַנג-שמאָל פֿענצטערל, אָן אַ שײַבל... חנן האָט געקוקט אויפֿן פֿענצטערל, געקוקט, געפּרוּווט מעסטן, צי וועט ער קענען אַרײַנגיין, נאָר אומזיסט, ווי ניט אויסגערעדט ער איז געווען, איז ער פֿאָרט פֿאַר דעם פֿענצטערל צו דיק געווען.

*

8

צוויי אַ זייגער איז געקומען שלומקע פֿון חדר.

– נו, טאַטע, וועסט געבן געלט מאָרגן דעם רבין?

חנן האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט אויסגעשטעלט די אויגן און שטאַרק פֿאַרטראַכט האָט ער געקוקט אויף שלומקען.

– וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, טאַטע? – האָט שלומקע געלאַכט.

שלומקע האָט זיך פֿאַרשעמט און האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל און ניט קוקנדיק אויפֿן טאַטן האָט ער ווײַטער געפֿרעגט:

– זאָג, וועסט געבן?

שלומקע! ווילסט זײַן אַ כוואַט? – האָט חנן אַנשטאָט צו ענטפֿערן געפֿרעגט.

– וואָס איז?

– קום אויפֿן הויף, איך וועל דיר עפּעס זאָגן.

אַ נײַגעריקער איז שלומקע אַרויסגעגאַנגען נאָכן טאַטן אויפֿן הויף.

– וואָס טאַטע?

חנן האָט אים צוגעפֿירט צום שפּײַכלער און, אָנווײַזנדיק אויפֿן פֿענצטערל, וואָס איז ניט הויך געווען, האָט ער געפֿרעגט:

– דו וועסט קענען דורכקריכן דורכן פֿענצטערל?

– אויף מיר אַ פּאַראַדע! – האָט שלומקע גערעדט אויפֿן ייִנגעלשן לשון, דערהערנדיק, אַז דער טאַטע אַליין הייסט אים ״שטיפֿן״ אַ ביסל.

– טאָ קריך, מײַן גאָלד, אַרײַן, – האָט חנן גערעדט און האָט זיך געשעמט פֿאַר זײַן ייִנגעלע און פֿאַר זיך אַליין – און קריך נאָך דעם אַרויף אויפֿן בוידעם... דאָרטן ליגן זעק מיט זעליא... ווייסט דאָך.

– איך ווייס, איך ווייס... וואָס מען שיט אין זוימען! איך



האָב אַ מאָל געזען! – האָט שלומקע פֿריילעך פֿון זײַן געניטקייט אויסגעשריגן.

– שאַ, שרײַ ניט, נאַריש ייִנגל! – האָט זיך חנן געבייזערט, – קריך אַרויף אויפֿן בוידעם, בינד אָפּ אַ זאַק און שיט אַרײַן אין דעם זאַסיק זוימען, אָבער מען דאַרף נאָך דעם גוט אויסמישן... וועסט קענען?

– יאָ! יאָ! – האָט זיך שלומקע אָנגעכאַפּט, איך מיש אַלע מאָל מיטן שופֿל.

– נו, קריך! נאָר פּאַמעלעך...

שלומקע האָט זיך אָנגעהאַנגען אויפֿן פֿענצטערל און געשווינד, ווי אַ קאַץ, איז ער פֿאַרשוווּנדן דורכן פֿענצטערל אין שפּײַכלער אַרײַן.

חנן איז געשטאַנען מיטן פּנים צום גאַס און געהיט. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט און פֿאַר די אויגן איז אים געשטאַנען לעווין מיטן שליסל אין האַנט...

– נו, וואָס הערט זיך? – איז ער צוגעגאַנגען צום פֿענצטערל אין פֿינף מינוט אַרום.

– איך מיש! – האָט שלומקע פֿריילעך אויסגעשריגן, – צוויי זעק האָב איך אַריַינגעשאָטן.

חנן איז לכתחילה אַ פֿאַרציטערטער געוואָרן און האָט שטילערהייט אין פֿענצטערל אַריַינגעשריגן:

– גזלן! איך וועל דיך הרגענען! האָסט געפּטרט דעם זוימען.

– איך מיש אויס גוט! – האָט שלומקע געשריגן. עס וועט ניט זיַין קענטיק.

– נו, אַ יינגעלע! – האָט חנן געטראַכט און אַ געפֿיל פֿון ווייטיק און פֿאַרגעניגן האָט אים דורכגענומען – מילא צוויי זעק איז צוויי זעק! – האָט ער זיך באַרויִקט, איצטער וועט אפֿשר זיַין עפּעס פּרנסה... וואָס זאָל מען טאָן?...

10

– שוין, טאַטע! – האָט שלומקע אין צען מינוט אַרום אויסגעשריגן דורכן פֿענצטערל.

– גוט אויסגעמישט?

– גוט!

אַ פֿאַרשוויצטער איז שלומקע אַרויסגעקראָכן, זיַינע שטענדיק בלייכע דאַרע בעקלעך זיַינען געווען רויט, די אייגעלעך האָבן געגלאַנצט, און אין גאַנצן שיַינענדיק פֿאַר גליק, וואָס דער טאַטע

האָט אים געטרויט אַזאַ אַרבעט, האָט ער פֿון קעשענע אַרויסגענומען אַ פּראָבקעלע זוימען און געוויזן דעם טאַטן.

– גוט? – האָט ער געפֿרעגט אַ צופֿרידענער.

– כאַפּט אים דער טײַוול – עס וועט זײַן גוט... דער גזלן... ער געטרויט ניט... דער שליסל נעמט ער צו, ער איז אַליין אַ גנבֿ...

שלומקע האָט געקוקט אויפֿן טאַטן און ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער איז אַזוי צוטראָגן.

– נו, מאָרגן וועסטו געבן געלט פֿאַרן רבין?... האָט ער געפֿרעגט.

– ווי דען מײַן זון! – האָט דער טאַטע זיכער געענטפֿערט, פֿינף רובל גיב איך דיר מאָרגן...

און ווירקלעך איז אויף מאָרגן שלומקע געפֿלויגן מיט אַ נײַער פֿינף רובלדיקע אין חדר אַרײַן. דער רבי האָט אים אַ קניפּ געטאָן אין באַק און געזאָגט: אַ שיינער בחור. שלומקע האָט זיך פֿאַר שׂמחה געוואָלט דערציילן נעכטיקע בריהשאַפֿט זײַנע, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער טאַטע האָט אים פֿאַרזאָגט, אַז ער זאָל למען השם קיינעם ניט דערציילן.

און שלומקע האָט זיך גענומען לערנען גאָטס תּורה, האַלטנדיק דעם נעכטיקן סוד טיף אין זײַן קליין יונג הערצעלע, וואָס דאָס האָט אים שטאַרק געדריקט.

אַנדערש אָבער האָט דער סוד געדריקט זײַן טאַטן חננן...

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון משה פֿעלער, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved